פרשת לך

שנה ד' - גליון קל"ב

עש"ק ז' חשון תשע"ב

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן וויקל

ארויסגעגעבן דורך:

סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג


הדלקת הנרות
5:34
זמן מוצאי שבת
6:59

סוף זמן קרי"ש 9:28

## אייער אינטערעסע

## איז דעם קינד'ס אינטערעסע

מיר פילן פאר וויכטיג צו שרייבן אפאר ווערטער איבער דעם ענין פון אויסהערן א קינד דאס וואס מען טוט און מען לערנט אין חדר, ווען אימער ובפרט ווען ער קומט אהיים.

מען זעהט דאס אן כסדר אויף די קינדער, דעם קינד'ס חשק צו די זאכן וואס מען טוט אין חדר אינאיינעם מיט אלע קינדער, איז געוואנדן לויט ווי שטארק דאס קינד ווייסט ביי זיך אז זיינע עלטערן זענען אין דעם אינטערסירט.

מיר מיינען נישט ח"ו אז די עלטערן זענען נישט אינטערסירט! נאר דאס וואס עלטערן קענען ארויס ווייזן פאר די קינדער איז זייער וויכטיג. ווי למשל ווען דאס קינד קומט אהיים פון חדר אפי' אינמיטן די וואך איז זייער וויכטיג גאנץ אנפאנג אין די ערשטע האלבע שעה פונעם אהיים קומען איהם שיין אויספרעגן, מיט א קשיא וואס דאס קינד קען עפ"י רוב ענטפערן. וואס האט מען היינט געגעסן?. וואס האט דיין רבי פארציילט?. אבער עס איז נישט וויכטיג צו פרעגן ווער עס איז דיין חבר? מיט וועמען האסטו געשפילט? ווייל דאס קענען די קינדער עפ"י רוב נישט ענטפערן, די קינדער שפילן זיך כסדר צוזאמען.

אזוי אויך ווען אייער קינד ברענגט עפעס אהיים קוקט דאס איבער צוזאמען מיט איהם און אזוי קענט איר אויספרעגן געוויסע זאכן לויט זייער פארשטאנד, און ארויס ווייזן מיט שטוינונג א פרייליכקייט דערצו.

אפילו אנפאנג רעדן נאכנישט די קינדער קיין סאך אבער מיט די צייט אז ער זעהט אז עס איז דא ווער עס הערט איהם אויס און ווער עס באוואונדערט זיין האנט ארבייט באקומט מען געווענטליך מער חשק דערצו.

פארשטייט זיך אז נישט יעדעס קינד איז א רעדנער צו קענען רעדן מער ווי זיין געוואוינהייט אבער איר קענט זיין זיכער אז זיין חשק וועט ווערן צום חדר און צו די זאכן פון חדר מער און מער צוביסעלעד.

**נוצר תאנה יאכל פריה**

## אברהם אבינו'ס קאלעך אויוועו ביי אונז אין חדר

מיין **רבי** האט אונז די וואך פארציילט פון די סדרה די מעשה פון אונזער זיידע אברהם אבינו פון זיין געטריישאפט און **"אמונה"** צום הייליגן באשעפער ווי אברהם אבינו איז איין אייציגער מענטש וואס פארשטייט און ערקלערט אז עס איז א גרויסע נארישקייט צו דינען א געטשקעלע ווייל עס איז נאר דא **"איין אייציגער באשעפער אויף די גאנצע וועלט"** אזוי ווייטער פארציילט אונז מיין רבי די מעשה פונעם קאלעך אויוועו ווי די שלעכטע גוים האבן אריין געווארפן אברהם אבינו אין דעם גרויסן פייער אבער א נס איז צו איהם געשען און ער ווערט נישט פארברענט, אבער נישט נאר געהערט די מעשה האבן מיר- נאר מיין רבי פירט אונז אריין אינעם **"ספעציעלן שטיבל"** ווי עס איז אויפגעשטעלט געווארן א גרויסער קאלעך אויוועו עס זעהט ממש אויס ווי א עכטע גרויסע פייער און דערין א מענטש מיט א טלית אזוי ווי אברהם אבינו. אבער **"דאס פייער"** איז געוועו קאלט ממש אזוי ווי ביי אברהם אבינו מיר האבן זיך אזוי שיין צוגעקוקט צו די קאלטע פלאמען דערנאך האבן מיר אויסגעשריגן אז **"עס איז נאר דא איין אייציגע באשעפער אויף די גאנצע וועלט."**





## א שמועס צווישן א רבי מיט צוויי קינדער

רבי: חיים יאנקע'לע וואס טוסטו ווען די גייסט אהיים? קינד: איך שפיל מיט טויס און איך שמועס מיט מיין מאמע. רבי: וואס שמועס'טו מיט דיין מאמע? קינד: זי פארציילט מיר א מעשה. איך פארצייל איר א מעשה רבי: וואס פאר א מעשה פארציילסטו? קינד: די זעלבע ווי די רבי אין חדר אסאך מאהל האב איך אויך א מייק...

רבי: אהרן הערש'עלע וואס טוסטו אינדערהיים? קינד: גארנישט. רבי: שפילסט נישט מיט די טויס? קינד: יא איך שפיל יא. רבי: פארציילסט פאר דיין מאמע די סדרה? קינד: זי וויל נישט הערן "די מעשה". רבי: ווער זאגט אז זי וויל נישט? הייב נאר אן צו פארציילן! וועט זי שוין וועלן הערן. קינד: ניין! ווייל זי רעדט אויפן טעלעפאן זי האט נישט קיין צייט. רבי: אבער ווען זי לייגט אראפ די טעלעפאן? קינד: רעדט זי צו מיין שוועסטער. רבי: און פאר דיין טאטע פארציילסטו די מעשה פון חדר? קינד: אפאר מאהל ווען ער וויל..!!!

**טייערע עלטערן! נעמט אראפ פון אייער טייערע צייט פאר אייער קינד הערט אויס אייער קינד און פארברענגט מיט איהם יעדן טאג, ווייזט ארויס א אינטערעסע.**

# סדר הלימודים וואס מיר טוהן מיט די קינדער

**קינדערגארטן:** חשוב'ע עלטערן, מיר ווילן אייך מיט טיילן דעם סדר אויף וואס מיר וועלן אין די קומענדיגע וואכן ארבייטן מיט די קינדער'ליך, א יעדעס קינד האט כשרונות און קען מיט די אייגענע הענט אהער שטעלן זאכן וואס גיבט איהם חיזוק און קוראזש אז ער קען מאכן אליינס שיינע זאכן דעריבער וועלן מיר בעז"ה אויף פארשידענע אופנים זיי אויסלערנען ווי שטארק ארויס צו ברענגען זייערע כשרונות וואס וועט זיי אסאך ארויס העלפן ביי די לימודים פון א"ב א.א.וו. מיר וועלן זיך פארלייגן אויף שיין קאלערן, נאך גיין פינטעלעך מיט שטראכן צו פארענדיגן א גאנצע בילד, און אויך שניידן לויט אנווייזונגען פארשידענע שעיפס לויט זייערע כוחות און אזוי מיט א יעדע זאך צוביסלעך ארויסברענגען זייערע טאלאנטן, אזוי אויך וועט מען בעז"ה אום פ' תולדות אנהייבן צו לערנען מיט זיי די א"ב ווי מען וועט נוצן פארשידענע פון די אויבן דערמאנטע כשרונות.

**פרי קינדערגארטן:** אין די קומענדיגע וואכן וועלן מיר זיך שטארק פארלייגן אויף די קאלירן און זיי אויסלערנען ווי אזוי מען כאפט אן א קרעיאן און ווי אזוי צו קאלירן יעדע זאך עקסטער, און אזוי שיין קאלערן. מיר האבן צוגעשטעלט א נייע קאלירן ביכל ספעציעל געאייגענט פאר זיי און אזוי וועלן מיר דאס באגלייטן א יעדע וואך און בעז"ה זעהן געוואונטשענע רעזולטאטן. די בילדער פון די פרשה וועט זיין צוזאמען מיט די שאלות, מען לערנט זיי אויס ווי אזוי מען קוקט אן א בילד און וואס מען זעהט דארט און מען נעמט ארויס דערפון.

**נוירסערי:** סדרה לויט זייער פארשטאנד מיט שיינע אקטיוויטעיטן זיי צו מאכן פריילין און זיך שיין שפילן מיט א צווייטן צוזאמען פארברענגן און מיט טיילן מיט א צווייטן אין א געשמאקע אטמאספערע...

## חכמה'לעך

וועו אברהם יצחק'ס טאטע האט זיך געשפילט מיט איהם געהאלטן און געשאקעלט האט ער געזאגט: העי! איך בין נישט קיין לולב...

ווען מען האט געזינגען ביי די הקפות, משה אמת ותורתו אמת. האט זיך מנחם משה'לע אנגערופן: מען זינגט נישט גוט, מ'דארף זינגען מנחם משה...

צופרי ביים דאווענען אין חדר ביי המלאך הגואל האט זיך משה יודא'לע אנגערופן: מ'דארף גיין אונטער די טלית...

ווען ישראל אברהם'לע קליינע שוועסטער איז אריינגעקומען אין זיין שטוב האט ער געשריגן: "לך לך" גיי אוועק! "לך לך" גיי ארויס!...

**ברכת מזל טוב חמה ולבבית**

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענעם טעראפיסט

**הרה"ח ר' יצחק דייטש שליט"א לכבוד די בר מצוה פון זיין זון נ"י למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט איהם מגדל זיין גרינגערהייט לתורה ולחופה ולמעשים טובים און איר זאלט שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע קינדער מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**חיים אלי' ב"ר ישראל אלימלך מאשקאוויטש נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ברוך הורוויץ שליט"א און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אהרן עקיבא ב"ר משה שלמה פריעד נ"י**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל צוויבל שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**ישכר בער בן הרב חיים אהרן אונגער נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יואל עזרא ב"ר יוסף חביב באסול נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**לייב ב"ר יואל הערש ליכטענשטיין נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אשר ב"ר חיים יוסף רייז נ"י**
לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל געלבמאן שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יוסף ב"ר אברהם יצחק טאבאק נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ברוך הורוויץ שליט"א און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אברהם אביש ב"ר יוסף מענדל כ"ץ נ"י**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי אברהם הלוי בערגער שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה ב"ר יחיאל שלום גאלדשטיין נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ברוך הורוויץ שליט"א און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אשר יונה ב"ר מנשה גליק נ"י**
לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי בן ציון וויעדער שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יואל ב"ר יחזקאל טעללער נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ירמי' לעווי שליט"א און ר' וואלף בער שווארץ שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**חיים אפרים ב"ר דוד מרדכי איידליס נ"י**
לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי אברהם הלוי בערגער שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**ישכר דוב ב"ר יואל מיטטעלמאן נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ברוך הורוויץ שליט"א און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**מרדכי אפרים פישל בן הרב לוי יצחק סופר נ"י**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי שמשון פאגעל שליט"א און ר' יעקב מאיר סרוגא שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**ישעי' ב"ר יהודה הורוויץ נ"י**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי אברהם הכהן ג'ברא שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שמואל צבי ב"ר משה שלמה פריעד נ"י**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל וואלף שווארטץ שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**זלמן לייב בן הרב סיני טייטלבוים נ"י**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל צוויבל שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יחזקאל שרגא ב"ר יואל יצחק סופר נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ירמי' לעווי שליט"א און ר' וואלף בער שווארץ שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אברהם יצחק ב"ר דוד לייבוש ווייסמאן נ"י**
לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יוסף ב"ר אברהם ישכר כייעם נ"י**
לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל וואלף שווארטץ שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אשר יונה ב"ר יואל גליק נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ירמי' מאיר פאגעל שליט"א און ר' שמואל ברוך קאהן שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אברהם יושע העשיל ב"ר שמעון רובין נ"י**
לכבוד זיין מופן אין די נייע הויז
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי הערשל פעקעטע שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**חיים יושע ב"ר אלי' ליפא קאהן נ"י**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי הערשל פעקעטע שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יואל ב"ר אברהם בער שפיטצער נ"י**
לכבוד זיין מומעס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי משה יעקב אהרן בוקסבוים שליט"א